# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Far folḳ un heymland

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1943

ָאמכאלָאה

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230

Visual Library

# האָ לאַכמאָ

1

מ׳האָט אים אײַנגאַנצן ניט באַדאַרפֿט, דעם קאָנטראַבאַס,
מע האָט געװיס געקאָנט באַגײן זיך אָן אים, —
נאָר ס׳גײט א גאַנצע שטאָט, א גאַס יאָגט אָן א גאַס,
צום אומגליק לאָזן אַלע זיך, װי מעכוטאָנים,

און רױשן מיט די בערד דורך פּאַרמעטענער הױט
און שטעלן שטאָלץ זיך בא דעם קײװערדיקן ראָװ אױס:
— האָ לאַכמאָ! — אָט אָ דאָס אָ ברױט
האָבן דורך שטערן אונדז פֿאַרזאָגט אונדזערע אָװעס.

ניטאָ אין שטאָט קײן אײַנציקער, װאָס פּאַסט.
צום קײװער, װי צום טיש! די אױגן — קלאָרע!
איז אין א טאַלעס אָנגעטאָן דעם קאָנטראַבאַס
און אים פֿאַרדעקט דעם קאָפּ מיט אַן אַטאָרע.

— הײב, מאַלכאַמאָװעס, אָן! ס׳איז דיר די פֿינצטערניש פּאַרטרױט!
נאָר צו דער הימלדיקער ליכט ניטאָ קײן סאָף איז;
— האָ לאַכמאָ! — דאָס איז עס דאָס ברױט,
װאָס ס׳האָבן דורך די שטערן אונדז פֿאַרזאָגט די אָװעס.

2

א רױטער גליטש. די ערד איז גלאַנציק נאַס.
דער מאַלכאַמאָװעס גליטשט זיך אַלע װײַלע אױס די טריט דאָ.
עס שפּילט אַפֿ זיך אַלײן באַנאַכט דער קאָנטראַבאַס
א קײװערדיק באַזעצנס פֿאַר א שטאָט מיט ייִדן.

אין כאַסענעס דערמאָנט ער זײַ פֿאַרפֿלױגענע געשװינד,
אין מאָלצײַטן אין אָרעמע מיט זיבן טאַמען...
עס פֿאַלט אין גרוב א דורכגעשטאָכן קינד,
און ס׳שטרעקט צום לעצטן מאָל די הענט א מאַמע...

זי האָט אַזױ געשטרעקט די הענט באַם ליכטבענטשן, אין נױט,
זי האָט אַזױ געשטרעקט די הענט אין פֿיבער פֿון געבוירן.
— האָ לאַכמאָ! — אָט אָ דאָס אָ ברױט
האָבן די אָװעס אונדז פֿאַרשפּראָכן װי דעם גורל.

אצינד וועט אונדזער טרוקן ברויט זײַן — האס!
און ליכט פון שווערד וועט יעדער קיוור איצטער מאָנען;
מ׳האָט אים אינגאנצן ניט באדארפט, דעם קאָנטראבאס,
מע האָט׳ געוויס געקאָנט באגיין זיך אָן אים!

3

אצינד, ווען ס׳קערט די ריִע מיר זיך אום צוריק אליין,
איז מיר א ריס די אויגן עפענען און זען מיט יעדן גליד דאָ,
אז ס׳איז מײַן הארץ אראָפּגעפאלן, ווי א שפיגל אפ א שטיין,
און מיט א קלונג פון בראָך אפ שטיקער זיך צעשפליטערט.

געוויס איז אויך א יעדער בראָך-שטיק ניט באפרײַט
צו זײַן אן איידעס ווען מיר ביז מײַנע לעצטע פיר באשערטע איילן.
— צעטרעט מיך נאָר ניט, דו, — אָ, ריכטער מײַנער, צײַט,
ביז איך וועל אָפּזוכן אין אויסשאָט די צעשפּריצטע טיילן...

איך וועל זיי אופקלײַבן פארפרווונ — איינס צו איינס —
באהעפטן זיי באנאנד, ביז בלוט אין פינגער זיך פארשטאָכן, —
כאָטש ווי איך זאָל זיי קונציק ניט צונויפקלעפּן, אלציינס
וועל איך אין דעם זיך שטענדיק זען פארקריפלט און צעבראָכן.

ערשט איצטער קומט צו מיר אין טרויער דער באשייד,
אין ווי פון איבערשמעלץ — באגרײַפּ איך פלאמיק
דעם פײַן פון וועלן זען זיך אין שפיגל — גאנצערהייט,
וואָס איז אין בראָך-שטיקער צעזייט אפ אלע שיווע יאמים...

——— ★✦★ ———